משמרת השלום
02-5379160



# אַ גוּט וואָרט

וואָכנ-שריפט פאר קינדער, פון 'משמרת השלום'

נו' 72
פר' אמור
אייר פ"ה

טעמאַ:
**אִיךְ בִּין וֶוערְד אוֹיךְ... שְׁטִילֶערְהֵייט**

## לוֹינְט צוּ שְׁטֵיין בַּיים צֶענְטֶער פוּן דִי עִנְיָנִים?

### פַּייֶערוּנְגֶען בַּיים אוּנְטֶערְשְׁטְן בַּאנְק

"אוּנְזֶער דְרַייוֶוער אִיז אַ חֶבְרֶה'מַאן"

"נֵיין. עֶר אִיז פוֹיל. מִיט אַזַא אֵיינֶעם, וֶועלְן מִיר נִישְׁט אָנְקוּמֶען אִין קַיין פְּלַאץ. מַיין בְּרוּדֶער הָאט אוֹיךְ--- "

"דֶערְמַאנְסְט מִיר; מַיין בְּרוּדֶער, הָאט גֶעהַאט אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע מַעֲשֶׂה מִיט אַ עֶקְסִידֶענְט. אִיהר מוּזְט הֶערְן...".

"אִיךְ, הָאבּ נִישְׁט גֶעדוּלְד צוּ מַעֲשֶׂה'ס פוּן בְּרוּדֶער'ס: לָאמִיר הֶערְן וָואס זָאגְט אִיהר אוֹיף...? עֶר אִיז נִישְׁט לַאנְגְוַוייליג? אֶפְשָׁר שְׁטֶעלְט מֶען אִיהְם אוּנְטֶער אַ שְׁפִּיצְל?..."

"חַס וְשָׁלוֹם! ס'אִיז מְסוּכָּן. אִיהר וֵוייסְט וָואס הָאט פַּאסִירְט מִיט דִי זִיבֶּעטֶע קְלַאס, וֶוען זֵיי...?"

"דֶער דְרַייוֶוער מֵיינְט, אַז דֶער אוֹטוֹ אִיז אַ בִּימְבַּה-שְׁפִּיל? פַאַרְוָואס שְׁלֶעפְּט עֶר אוּנְז?!"

"חהחהחה!"

"מִיט אַ יָאהר צוּרִיק, וֶוען דִי זִיבֶּעטֶע קְלַאס אִיז אַרוֹיסגֶעפָארְן אוֹיף אַ נְסִיעָה, הָאט..."

"אֵיי. וָואס אִיז גֶעשֶׁעהן מִיט מוֹישִׁי? עֶר שְׁטוּפְּט הַיינְט נִישְׁט אַרַיין זַיין נָאז! עֶר אִיז נִישְׁטָא?"

"נוּ, מ'שְׁטֶעלְט אוּנְטֶער אַ שְׁפִּיצְל, צוּ נִישְׁט?"

"אִיךְ פְרֶעג וואוּ מוֹישִׁי אִיז, אוּן קֵיינֶער עֶנְטְ---".

"יָא. יָא. דִי זִיבֶּעטֶע קְלַאס! אִיהר הֶערְט?!.."

"עֶקְסִידֶענְט?"

"מ'פַארְשְׁטֵייט דִיר נִישְׁט! טְרִינְק גוּגְל-מוּגְל...!"

"חהחהחה!"

יֶעצְט שְׁטֶעלְט זִיךְ פָּאר; אַז פוּנְקְט בַּיי דֶעם צוּלָאזְטְן טוּמְלְ'דִיגְן גֶערוֹיש - הָאבּ אִיךְ זִיךְ אַרַיינְגֶערוּקְט.

אונזער כִּתָּה אִיז אַרוֹיסגֶעפָארְן אוֹיף אַ נְסִיעָה. ס'הָאט מִיר אוֹיסְגֶעזֶעהְן, אַז בַּיים לֶעצְטן בַּאנְק זִיצְן זַאפְטִיגֶע חֶבְרֶה-לַייט און מִסְתָּמָא אִיז דָארְט זִיכֶער אִינְטְרֶעסַאנְט. הָאט מִיר גֶעגְלוּסְט צו זַיין, אַ חֵלֶק פוּן זֵיי.

אָבֶער לְמַעֲשֶׂה, הָאבְּן דָארְט אַלֶע גֶערֶעדְט אוֹיף אֵיינְמָאל. נֵיין. אַלֶע הָאבְּן גֶעשְׂרִיגְן - אֵיינֶער הָאט אִיבֶּערגֶעשְׂרִיגְן דֶעם צְוֵוייטְן, גֶעלַאכְט און גֶעשְׂפֶּעט, וֶועלְנְדִיג מֶ'זָאל אִיהְם אוֹיסְהֶערְן בִּיזְן סוֹף...

אִיךְ הָאב גֶעוָואלְט דֶערְצֵיילְן אוֹיפְן עֶקְסִידֶענְט. חֶזְקִי מִיט יַעֲנְקִי הָאבְּן אָבֶער צוּגֶענוּמֶען דִי גַאנְצֶע אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקַייט. כ'בִּין הַייזֶערִיג גֶעוָוארְן נָאךְ אֵיידֶער מ'הָאט מִיר אוֹיסְגֶעהֶערְט, און גֶעפִילְט אַ פַארְטְרִיקְנְטֶע בִּיטֶערְלִיכֶע טַעַם אִין מוֹיל; וְויפְל כ'הָאב פְּרָאבִּירְט צו רֶעדְן, שְׂרַייעֶן, און אַריינ-רֶעדְן ־ הָאט מִיר קֵיינֶער נִישְׁט אוֹיסְגֶעהֶערְט! פַארְוָואס? וָואס בִּין אִיךְ; לוּפְט? דוּרְכְזִיכְטִיג? אִיךְ וִויל זִיךְ נִישְׁט פִילְן אַזוֹי! בְּשׁוּם אוֹפְן נִישְׁט!... הָאב אִיךְ פְּרָאבִּירְט צו שְׂרַייעֶן נָאךְ הֶעכֶער, און אֲפִילוּ גֶעזָאגְט און גֶעלַאכְט פוּן זַאכְן - וָואס אִיךְ הַאלְט נִישְׁט אַזוֹי; כ'הָאב פָּשׁוּט גֶעוָואלְט מֶ'זָאל זִיךְ צוּטוּהן מַאכְן פוּן מִיר.

## בְּלַייבְּן דָארְט? זִיךְ פִילְן וֶוערְד?

כ'הָאב פַּאקְטִישׁ גֶעשְׂפִּירְט אַ טְרוּקֶענִישׁ אִין הַאלְדְז, און בִּין צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען צו מַיין זִיץ-פְּלַאץ, אַרוֹיס צו נֶעמֶען מַיין פְלַאשׁ וַואסֶער.



"אה, מְשׁוּלֶם, בִּיסְט צוּרִיק?" הָאט מִיר שִׂימִי פְרַיינְדְלִיךְ אוֹיפְגֶענוּמֶען.

"וָואס אִיז גֶעשֶׂעהן? פַארְוָואס שְׂרַייט מֶען דָארְט?" הָאט עֶר זִיךְ אִינְטְרֶעסִירְט "אֵיינֶער הָאט דִיר אוֹיפְגֶערֶעגְט? בִּיסְט רוֹיט!"

כ'הָאב אָנְגֶעהוֹיבְּן עֶנְטְפֶערְן, און אַיינְגֶעזֶעהן, אַז אִיךְ בִּין טַאקֶע הַייזֶערִיג גֶעוָוארְן פוּן שְׂרַייעֶן.

ס'אִיז מִיר אָבֶער נִמְאָס גֶעוָוארְן, כ'הָאב נִישְׁט גֶעהַאט קַיין חֵשֶׁק צוּרִיק צו גֵיין צו זֵיי. בִּיז וֶוען אֵיינֶער הָאט מִיר שׁוֹין יָא בַּאמֶערְקְט, און אוֹיסְגֶעהֶערְט אַ הַאלְבֶּע זַאץ, הָאט עֶס אִיהְם גְלַייך דֶערְמַאנְט אַ אַנְדֶער מַעֲשֶׂה, און אָטֶאמַאטִישׁ הָאבְּן זִיךְ אַלֶע אוֹיסְגֶעדְרֵייט צו יֶענֶעם.

"כ'הָאב דָארְט נִישְׁט הֲנָאָה גֶעהַאט", הָאב אִיךְ מוֹדֶה גֶעוֶוען, בַּאטְרַאכְטְנְדִיג מִיט אִינְטֶערֶעס מַיינֶע נַאטוּרְלִיכֶע 'שְׁכֵנִים' מִיט קִנְאָה, אוֹיךְ דִי וָואס זִיצְן אַיין שׁוּרָה אוּנְטֶער מִיר. זֵיי הָאבְּן פַארְבְּרֶענְגְט אִין אֵיינֶעם גֶעשְׂמַאק ־ הִנֵּה מַה טוֹב וּמַה נָעִים...

"אִיז צו וָואס בִּיסְטוּ טַאקֶע אַהִין גֶעגַאנְגֶען?" הָאט שִׂימִי נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען.

"בַּיים צֶענְטֶער אִיז שְׁטֶענְדִיג אִינְטְרֶעסַאנְט. נֵיין?" הָאב אִיךְ גֶעזָאגְט "אִיךְ פָאר דָאךְ, הֲנָאָה צו הָאבְּן!"

"נוּ, און הָאסְט הֲנָאָה גֶעהַאט?... ס'אִיז נִישְׁט בֶּעסֶער צו זִיצְן רוּהִיג נֶעבְּן פֶענְסְטֶער, זֶעהן דִי שַׁיינְקַייט פוּן דִי בְּרִיאָה? נִישְׁט אַ שָׁאד אַוֶועק צוּגֶעבְּן דִי שְׁטִימֶע? בַּיי אַזֶעלְכֶע 'מַעֲמָדִים', הֶערְט

## א חידה במידה

וָואכְנְטְלִיכֶע רֶעטֶענִישׁ, אוֹיף מִידוֹת און שְׁמִירַת הַלָּשׁוֹן

### חִידָה:

**אַ קְלֵיינֶע זַאךְ, מ'טָאר עֶס אָבֶער נִישְׁט דֶערְצֵיילְן.**

**ס'אִיז נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטְ'ס, נִישְׁט קַיין גְּנַאי.**

**אָבֶער ס'גֶעהֶער צוּם חֲבֵר. נִישְׁט צוּ אוּנְז.**

**פֶּערְזֶענְלִיךְ. פְּרִיוַואט - מ'דַארְף עֶס מְכַבֵּד זַיין!**

**וָואס אִיז דָאס?**

מֶען גֶעוֶוענְדְלִיך אוֹיס נָאר דִי גְרוֹיסֶע שְׁרַייעֶר'ס..."

עֶר אִיז גֶעוֶוען גֶערֶעכְט.

"כ'הָאבּ מוֹרָא גֶעהַאט, אַז אוֹיבּ כ'וֶועל זִיצְן וַוייט, וֶועט מֶען מִיר נִישְׁט גֶעדֶענְקֶען. מ'וֶועט מֵיינֶען אַז אִיךְ בִּין לוּפְט...

"דוּ - לוּפְט???" שִׁימִי הָאט זִיךְ גֶעוואוּנְדֶערְט "אַ קְלוּגֶער גֶעלוּנְגֶענֶער אִינְגְל. אַ פְּרַיינְדְלִיכֶער און גֶעשְׁמַאקֶער... הָאט מוֹרָא אַז עֶר אִיז לוּפְט? ווִי קֶען זַיין?" הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט אֱמֶת'דִיג.

"כ'הָאבּ זִיךְ וַוייזְט אוֹיס אָנְגֶעשְׁטֶעקְט פוּן דִי שְׁטִימוּנְג דָארְט, פוּנֶעם פֶּרֶעשׁ. אֲהָא? יֶעדֶער זָארְגְט דָארְט אוֹיף זַיין פְּלַאץ און כָּבוֹד, און דָאס הָאט מִיר פַּארְטוּמְלְט". הָאבּ אִיךְ פַּארְשְׁטַאנֶען. "אַסַאך בֶּעסֶער צוּ זִיצְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע פְּלַאץ, הֲנָאָה הָאבְּן פוּן לֶעבְּן, און נִישְׁט גְלוּסְטְן אַז יֶענֶער זָאל מִיר אַ טוֹבָה טוּהן און אוֹיסְהֶערְן אַ הַאלְבֶּע זַאץ..."

"דוּ וֵוייסְט וָואס?" הָאבּ אִיךְ מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן "כְּדֵי מֶ'זָאל מִיר דִי 'טוֹבָה טוּהן', בִּין אִיךְ לַיידֶער בַּאגַאנְגֶען נַארִישְׁקַייטְן, זָאגְנְדִיג זַאכְן, וָואס אִיךְ הַאלְט נִישְׁט דֶערְבַּיי. דֶער עִיקָר מֶ'זָאל מִיר אוֹיסְהֶערְן, זֶעהן און בַּאמֶערְקְן. כ'זָאל זִיךְ נִישְׁט פִילְן דוּרְכְזִיכְטִיג..."

כ'הָאבּ צוּרִיק גֶעלֵייגְט מַיין פְּלַאשׁ, און זִיךְ צוּרִיק גֶעזֶעצְט אוֹיף מַיין פְּלַאץ.

כ'הָאבּ זִיךְ אַרַיינְגֶעמִישְׁט אִינֶעם שְׁמוּעֶס פוּן שִׁימִי, בֶּערִי מִיט שָׁלוֹם, ס'אִיז גֶעוֶוען אַ פַארְגֶענִיגְן!

דָא בִּין אִיךְ בִּין וֶוערְד, אֲפִילוּ אוֹיבּ אִיךְ בְּלִיץ נִישְׁט אוֹיף יֶעדֶע רֶגַע מִיט אַ אַנְדֶער מַעֲשֶׂה.

אִיךְ פַארְמָאג ב"ה אַסַאך גוּטֶע זַאכְן, מַתָּנוֹת פוּן רבש"ע. ס'פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס, זִיךְ צוּ אוֹיפְוַוייזְן פַאר אַזֶעלְכֶע וָואס פִילְן זִיךְ אִין צֶענְטֶער פוּן דִי עִנְיָנִים---

**רֶגַע!**

**פָּארִיגֶע וָואךְ הָאבּ אִיךְ מוֹרָא גֶעהַאט אַז אוֹיבּ כ'וֶועל נִישְׁט רֶעדְן לָשׁוֹן הָרַע - וֶועל אִיךְ נִישְׁט שְׁטֵיין אִינֶעם צֶענְטֶער פוּן דִי עִנְיָנִים...**

**אִיךְ מוּז מוֹדֶה זַיין אַז מ'דֶערְלֵייגְט דָארְט גָארְנִישְׁט... אֶפְשָׁר יָא; אַסַאך חָשׁוּבֶ'ע מִצְוֹת.**

**און אוֹיף דֶעם וֶועלְן מִיר אי"ה מַמְשִׁיךְ זַיין רֶעדְן, דִי קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ...**

**דֶערְוַוייל טְרַאכְט אוֹיף וָואס דוּ הָאסְט גֶעלֵיינְט!**

**אַ גוּט שַׁבָּת - מְשׁוּלָם.**

# שו"ת משולם
## אַ הֲלָכָה צוּם שַׁבָּת טִישׁ




צו צושליסן נאך מוסדות, צום פראגראם חברים: פעקס: 02-6506107
מייל: t025379160@gmail.com
צו אנטייל נעמען און צושפרייטן דעם וואכנשריפט: 1800-800-779

# גֶעהַיימְנִיסְן, בַּיים בָּאדְן פוּן לֶעבְּן

גֶעשְׁרִיבְּן: ש. רוזנשטיין | גֶעמָאלְן: יוסף יוסף

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר:** אִיצִיק מִיט יְהוּדָה קוּמֶען הֶעלְפְן פַאר מְשׁוּלָם, צוּטְרַעפְן פַּאסִיגֶע רַעְיוֹנוֹת ווִי אַזוֹי צוּרִיק צוּבַּאקוּמֶען דֶעם בָּאדְן. אוּרִי ווָארְנְט אָן פַאר מְשׁוּלָם: דִי אַיינְפַאלְן זֶענֶען נִישְׁט פַּאסִיג!

סִפְרָא
לִמּוּד הַהֲלָכָה




פָארְזֶעצוּנְג וֶועט קוּמֶען אי"ה

אִיהר ווִילְט הֶערְן אַבִּיסְל מֶער, אוֹיף מְשׁוּלָם מִיט זַיינֶע חֲבֵרִים, אוּן אוֹיף דֶעם יֵצֶר הָרַע'ס, מְסוּכְּנְ'דִיגֶע סָאלְדַאטְן? **קְלִינְגְט אַרַיין צוּם חֲבֵרִים-לַיין: 0723372212 דְרִיקְט 394**

צו צושפרייטן דעם וואכנשריפט אין שוהל'ן, פאר א מינימאליש'ן פרייז
**קלינגט 02-5379160 דריקט 0**